**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 234 מיליאן דאלאר אין צוגעקומענע עסן הילף פאר מאי**

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום סומע פון עסן בענעפיטן דעם חודש***

***כמעט 1 ביליאן דאלאר אין סאפלעמענטעל בענעפיטן פארטיילט זינט יאנואר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין דעם סאפלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) – אין די פארגרענגעהייט גערופן 'פוּד סטעמפס' – וועלן באקומען די מאקסימום סומע אין עסן בענעפיטן פאר מאי. אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP – אריינרעכענענדיג די וועלכע באקומען שוין יעצט די העכסטע סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סומע דעם חודש, אריינגיסנדיג בערך 234 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער אריין אין די ניו יארק סטעיט עקאנאמיע.

"אין די צייט וואס ניו יארק זעצט פאר זיך צוריק אויפצובויען שטערקער פון בעפאר, מוטשענען זיך צופיל פאמיליעס מיט אומזיכערהייט פון האבן צו עסן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן צושטעלן די מאקסימום סומע פון עסן בענעפיטן פאר די וועלכע זענען אין נויט, קענען מיר העלפן פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך צו ענדיגן דעם חודש און לייגן עסן אויפן טיש. די געלטער וועלן העלפן פארזיכערן אז צאללאזע פאמיליעס זאלן קענען פארמיידן די וויטאגליכע מעגליכקייט פון עסן אומזיכערהייט אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו אנקומען צו א מער בליהענדע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

די עמערדזשענסי צוגעלייגטע הילף ווערט געגעבן פאר אלע פאמיליעס – אריינרעכענענדיג די וועלכע באקומען געווענטליך נישט די מאקסימום בענעפיטן וואס איז ערלויבט פער חודש פון SNAP – א פעדעראל-אויסגעצאלטע פראגראם וואס ווערט איבערגעזעהן דורך די סטעיט'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). די פאמיליעס וועלכע זענען שוין סיי ווי אויף די מאקסימום בענעפיט סומע – $835 פאר א פאמיליע פון פיר – אדער נאענט דערצו, וועלן באקומען א צוגעלייגטע באצאלונג פון צום ווייניגסטנס $95. די געלטער קענען אויך גענוצט ווערן צו קויפן בעיבי עסן און פארמולע.

SNAP פאמיליעס אין אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי קענען ערווארטן צו זעהן די צוגעלייגטע בענעפיטן אריינקומען ביז מאי 21. די SNAP הויזגעזינדער אין די פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן קענען ערווארטן צו זעהן זייערע בענעפיטן אריינקומען ביז מאי 28.

די OTDA האט אנגעהויבן גיבן די עמערדזשענסי סאפלעמענטעל בענעפיטן אין אפריל 2020 פאר די SNAP פאמיליעס וועלכע באקומען ווייניגער פון די מאקסימום חודש'ליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך

געארבעט מיט די פעדעראלע רעגירונג צו פארזיכערן די מאקסימום סומע פאר אלע SNAP פאמיליעס ביז די פעדעראלע דעקלעראציע לויפט אפ — יעצט ערווארטעט זיך ארייננצוציהען אריין אין יולי.

ניו יארקער זענען פאר צו זיין גאר אפהעניג אין SNAP, מיט איבער 1.6 מיליאן פאמיליעס איבער די סטעיט איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין פעברואר, אן 1 פראצענטיגע העכערונג אין לויף פון דעם פארגאנגענעם חודש. איבער 2.8 מיליאן ניו יארקער האבן באקומען בענעפיטן אין פעברואר, די מערסטע זינט יוני 2021.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער דעניעל וו. טיעץ האט געזאגט,** "קיין איין מענטש אדער פאמיליע זאל נישט איבערגעלאזט ווערן זיך וואונדערנדיג אויב זיי וועלן האבן די מעגליכקייט צו לייגן געזונטע און ערנערדע עסן אויפן טיש יעדן חודש. די צוגעלייגטע עסן בענעפיטן צוגשטעלט דורכאויס די פובליק געזונטהייט קריזיס האבן געשפילט א וויכטיגע ראלע אינעם העלפן פארגרינגערן די אומזיכערהייט, און אין דעם זעלבן צייט העלפנדיג לאקאלע ביזנעסער און געשעפטן זיך צו ערהוילן איבער אונזער גאנצע סטעיט."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "קיין איין ניו יארקער זאל זיך קיינמאל נישט דארפן זארגן פון וואו זייער קומענדיגע מאלצייט וועט קומען. צוליב דעם האב איך געקעמפט פאר א היסטארישע העכערונג צו SNAP דורכאויס די פאנדעמיע דורך די פאראייניגטע פארטיילונגען געזעץ (Consolidated Appropriations Act) פון 2021, און נאכאמאל אין דעם אמעריקאנער רעטונג פלאן (American Rescue Plan). מיר האבן פארשטערקערט אונזערע באמיאונגען צו ליפערן די צוגעגעבענער שטיצע אין פעדעראלע געלטער צו העלפן אנגעשטרענגטע פאמיליעס האלטן עסנווארג אויפ׳ן טיש. SNAP איז א לעבנס וויכטיג פאר אזוי פיל ניו יארקער, און איך וועל שטענדיג קעמפן צו ברענגען די פעדעראלע רעסארסן וועלכע זענען נויטיג צו זיכער מאכן אז קיין איין ניו יארקער גייט נישט הונגעריג און ווערט נישט איבערגעלאזט פון הונטן."

**קאנגרעסמאן עידריאנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "SNAP איז די ווירקזאמסטע מיטל וואס מיר האבן צוריקצוקעמפן קעגן די הונגער עפידעמיע וואס פלאגט דאס לאנד און באטרעפט פאמיליעס איבער אונזער גאנצע סטעיט. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן צושטעלן די צוגעקומענע געלטער צו העלפן פארשטערקערן ניו יארק'ס סאפלעמענטעל נוטרישן הילף פראגראם וואס וועט ערלויבן מער פאמיליעס צו מאקסימיזירן און שניידן די פרוכט פון די פולע בענעפיטן פון די עמערדזשענסי בענעפיטן וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך דעם פראגראם זיי צו העלפן זיך האלטן העכערן וואסער דורכאויס אונזער אנגייענדע ערהוילונג."

SNAP בענעפיטן שפילן א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק'ס עקאנאמישע ערהוילונג, אריינגיסנדיג כמעט 1 ביליאן דאלאר אין די סטעיט'ס עקאנאמיע ביז היינט דעם יאר. יעדע איין פעדעראלע דאלאר אינוועסטירט דורך SNAP טרייבט אויף ביז אזויפיל ווי $1.54 אין עקאנאמישע אקטיוויטעט לויט א [פעדעראלע שטודיע](#) וואס רעכנט אויס די השפעה פון SNAP אויף די עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן.

די בענעפיטן זענען אויך א קריטישע רעטונג שטריק פאר ניו יארקער אין נויט. אין דורכשניט האבן בערך איין פון זיבן ניו יארקער – בערך 14 פראצענט פון די סטעיט'ס באפעלקערונג – זיך פארלאזט אויף SNAP בענעפיטן פאראנגענע יאר; מער פון האלב פון די וועלכע האבן באקומען די בענעפיטן זענען געווען פאמיליעס מיט קינדער און בערך 48 פראצענט האבן אריינגערעכנט אן ערוואקסענער העכער די עלטער פון 55 אדער איינער וואס איז געווען דיסעיבעלד.

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (Electronic Benefit Transfer, EBT) אקאונטס און קענען

גענוצט ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געוועגטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

איר קענט טרעפן מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי צוגעלייגטע SNAP בענעפיטן, אריינרעכענענדיג ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן [דא](). ניו יארקער קענען זעהן אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר SNAP און פאר וויפיל זיי זענען בארעכטיגט, און אזוי אויך אפלייען, דורך די אינטערנעט דורכן באזוכן mybenefits.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418